

BACK2 BASICS

פרשת פנחס

PINCHAS

# JUST DO IT

*A grave sin was being committed in front of the eyes of the entire Jewish nation. Although many great men were present, including Moshe himself, it was young Pinchas who stepped forward and took action*

# פרשת פנחס

א. אין היינטיקער סדרה ווערט דערציילט, אַז ווען עס איז פּאַר־געקומען די מעשה זמרי, האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, כאָטש עס זיינען געווען דערביי משה ואלעזר * מיט די זקנים. האָט זיך דאַן אָנגעגע־רופן פנחס, וואָס ער איז געווען דער צעיר שבחבורה [1] (די גמרא [2] רעכנט אויס דעם סדר ווי משה האָט געלערנט תורה מיט אידן: צו ערשט האָט ער געלערנט מיט אהרן'ען, דער־נאָך מיט אלעזר ואיתמר, דערנאָך מיט די שבעים זקנים, און דערנאָך מיט אַלע אידן, קומט דאָך אויס אַז פנחס האָט געלערנט צוזאַמען מיט אַלע אידן גלייך), אַז קנאים פוגעים בו. האָט מען אים געזאָגט, קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא [3] — דער לייענער פון בריוו, ער זאָל אויך זיין דער שליח.

די אָנווייזונג פון דעם איז:

עס זיינען פאַראַן ענינים וואָס גדו־לים שבדור שווייגן און זאָגן ניט וועגן דעם, איז דאָס ניט אַלעמאָל אַ ראי' אַז מען דאַרף גאָרניט טאָן, און מאַכן חשבונות און לומדות אויף אַרויסדרייען זיך פון דעם. מען דאַרף וויסן, אַז אויב ער זעט אַז ער קאָן טאָן אין דעם, דאַרף ער טאָן, און דאָס וואָס גרעסערע פון אים זאָגן גאָרנישט, איז דאָס אפשר כדי שיטול פנחס את הכהונה [4]. ד. ה. אַז דאָס איז זיין חלק וואָס ער דאַרף דאָס מברר זיין, און דורכדעם דוקא וועט ער צוקומען צו זיין שלימות.

אַזוי ווי אין גשמיות האָט דאָך יעדער איינער זיין חלק, ואין אדם נוגע בפרנסתו של חברו [5], אַזוי איז אויך, און נאָך מיט אַ כל שכן וקל וחומר, אין רוחניות, אַז יעדער איי־נער האָט זיין חלק אין תורה — דאָס איז וואָס מען זאָגט, ותן חלקנו בתורתך [6], וואָס דאָס מיינט ניט נאָר אין פאַרשטייך תורה, נאָר אויך אין מחדש זיין, ווי די גמרא דערציילט אין מנחות [7] אַז רבי עקיבא האָט געזאָגט אַ דבר הלכה וואָס אפילו משה רבינו האָט ניט גע־וואוסט פון דעם —

און אין קיום המצוות, וואָס יע־דער איינער דאַרף אויפטאָן, ואין אחד נוגע בפרנסתו של חברו. דאָס וואָס עס שטייט [8], זכה נוטל חלקו וחלק חברו, דאָס רעדט זיך וועגן גן עדן, וואָס דאָס איז שכר המצוות, אָבער די מצוה אַליין וואָס איז הע־כער פון איר שכר, אין דעם האָט יעדער איינער זיין חלק. ובמילא קאָן זיין אַז דאָס וואָס קיינער טוט עס ניט, איז עס ווייל דאָס איז זיין ענין וואָס ער דאַרף אים אָפּטאָן.

ב. אויף פנחס'ן שטייט [9]: פנחס זה אלי'. פרעגט מען אויף דעם די קשיא, פריער איז דאָך געווען פנחס און דערנאָך אלי', האָט דאָך גע־

---

*) כצ"ל גם בהוצאות שלפ"ז.

1) במדב"ר פ"כ, כה. תנחומא בלק, כא.

2) עירובין נד, ב.

3) סנהדרין פב, א.

4) במדבר רבה פרשה כ, כד.

5) על דרך אין אדם נוגע במוכן לחבירו — יומא לח, ב.

6) אבות פרק ה משנה כ.

7) כט, ב.

8) חגיגה טו, א.

9) תרגום יונתן וארא ו, יח. ילקוט שמעוני אָנפאַנג פנחס. זהר חלק ב קצ, סע"ב. רלב"ג מלכים א יז, א.

# CLASSICAL CONCEPTS

1.In this week's Parsha, we read of the reward that Pinchas was given, in merit of his zealous sanctification of Hashem's name. In last week's Parsha, we read about how a man named Zimri committed a terrible sin in front of the entire nation. The Gemara tells us that although Moshe and Aron were standing there, along with all the elders, it was Pinchas who yelled out the law "A zealot may strike him". Pinchas was told that the one who called out the law should be the one to carry it out and he proceeded to take action against Zimri.

2. A very strong lesson can be learned from this story. There are times that great leaders remain quiet regarding certain matters. This does not mean that one must not act in response to those situations. A person must be aware that if he sees an opportunity to take action, he must do so. The fact that no one else has acted, may be because it is something



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Know | וויסן |
| If he sees | אויב ער זעט |
| He can do/act | ער קען טאן |
| Must | דארף |
| Greater | גרעסער |
| This means | ד.ה. (=דאס הייסט) |
| His | זיין |
| Specifically through this | דורכדעם דוקא |
| He will reach/attain | ווערט ער צוקומען |
| Just like | אזוי ווי |
| Every person | יעדער איינער |
| Portion | חלק |
| Also | אויך |
| In innovating | אין מחדש זיין |
| Accomplish | אויפטאן |
| If he merits, he receives his portion and the portion of his friend | זכה נוטל חלקו וחלק חבירו |
| Is speaking about | רעדט זיך וועגן |
| Higher | העכער |
| No one does it | קיינער טוט עס ניט |
| Since | ווייל |
| Accomplish | אפטאן |
| It is asked | פרעגט מען |
| On this | אויף דעם |
| First there was | פריער איז דאן געווען |
| Afterward | דערנאך |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Today's | היינטיקער |
| Is told over | ווערט דערציילט |
| Occurred | פארגעקומען |
| Did not know | ניט געוואוסט |
| What to do | וואס צו טאן |
| Although | כאטש |
| There were present | עס זיינען געווען דערביי |
| Then | דאן |
| Called out | אנגערופן |
| The youngest of the group | דער צעיר שבחבורה |
| Calculates | רעכנט אויס |
| Learned | האט געלערנט |
| First | צו ערשט |
| Afterward | דערנאך |
| It comes out | קומט דאן אויס |
| Equally | גלייך |
| Zealots may strike him | קנאים פוגעים בו |
| The one who read the letter should be the one to carry it out | קריינא דאיגרתא איהו להוי פרוונקא |
| The lesson | די אנווייזונג |
| There are | עס זיינען פאראן |
| Remain quiet | שווייגן |
| Regarding it | וועגן דעם |
| Not always | ניט אלעמאל |
| A proof | א ראי' |
| Do nothing | גארניט טאן |
| In order to dodge | אויף ארויסדרייען זיך |

דאַרפט שטיין, אלי׳ זה פנחס? איז דער תירוץ אויף דעם, לויט דעם וואָס עס שטייט אין זוהר[10], אַז אלי׳ איז געווען נאָך גאָר פריי־ער, נאָר דאַן איז ער ניט געווען קיין ילוד אשה, וואָס איז געבאָרן געוואָרן פון אַ פאָטער און מוטער, נאָר אַ מלאך, און דעריבער זאָגט ער פנחס זה אלי׳.

אין עבודה איז דאָס:

מען האָט דאָך פריער געזאָגט, אַז מען מאָנט ביי יעדער איינעם, ניט קוקן אויף קיינעם, און אַז ענין הבא לידו דאַרף ער נעמען און אָפּטאָן. פרעגט מען: וואו נעמט מען כוח אויף דעם? איז אויף דעם זאָגט מען פנחס זה אלי׳, וויבאַלד אַז דער אויי־בערשטער האָט אים מזמין געווען אַן ענין וואָס ער דאַרף אים טאָן במסירת נפש, גיט מען אים כחות אויף דעם, און עס קאָן געמאָלט זיין אַז אין אים גייט אַריין אַ ניצוץ פון אַזאַ וואָס איז ניט קיין ילוד אשה.

ג. די הוראה פון דעם איז אונ־זער דור צו אַלע יונגע לייט איז, אַז זיי דאַרפן ניט מאַכן קיין חש־בונות, אַז דער קאָן טאָן און יענער קאָן טאָן, נאָר יעדער זאַך וואָס קומט צו זייער האַנט, דאַרפן די וויסן אַז דאָס איז זייער חלק, און זיי האָבן כחות אויף דעם, און זיי דאַרפן דאָס טאָן מיט מסירת נפש.

און מסירת נפש איז ווי דער רבי האָט געזאָגט: מסירת נפש מיינט ניט אַרופגיין אויף אַ דאַך און אַראָפּ־וואַרפן זיך, ח"ו. מסירת נפש דאַרף זיין אָן רעש און אָן טומל, וואָרום לא ברעש הוי׳[11]). עס דאַרף זיין מסירת נפש אין אַלע פעולות פון טאָג־טעג־לעכן לעבן, אוטם אזנו וגו׳ ועוצם עיניו[12]). אַפילו אין תורה דאַרף אויך זיין מסירת נפש, אַז ער זאָל ניט נעמען תורה צו זיך נאָר נעמען זיך צו דער תורה. און אַז מען וויל מיט אַן אמת, וועט מען אויספירן.

און בשעת מען גייט מיטן מסירת נפש פון פנחס׳ן, איז אויך — פנחס זה אלי׳, וואָס ער וועט מבשר זיין די גאולה[13]), ד. ה. אַז די גאַנצע עבודה פון איצטער, איז אַ הכנה צו משיח׳ן, אויף מאַכן די וועלט אַ מקדש לו יתברך.

(משיחת י"ב תמוז, תשי"ד)

ד. אין היינטיקער סדרה ווערט דערציילט די מעשה מיט פנחס׳ן וואָס ער האָט מקנא געווען קנאת ה׳ צבאות. בכלל איז דאָך אי אפשר לבית המד־רש בלא חידוש[14]). דאָס איז אין תורה שבעל פה; תורה שבכתב, וואָס פון אַן אות לערנט מען אָפּ גאַנצע הל־כות, איז דאָך מכל שכן אַז אַ גאַנצער ספור המעשה, אַזוי ווי דער ספור פון פנחס׳ן, איז אין דעם פאַראַן אַ חידוש.

וואָס איז דער חידוש אין דעם ספור? דער דין פון הלכה ואין מורין כן[15]), און קנאין פוגעין בו[16]). דאָס הייסט אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע

10) חלק א מו, ב. עיין שם בהגהות דרך אמת ועוד.

11) מלכים א יט, יא.

12) ישעי׳ לג, טו. און זע קונטרס העבודה פרק ב.

13) תרגום יונתן וארא ו, יח.

14) חגיגה ג, א.

15) עירובין ז, א. ביצה כח, ב.

16) סנהדרין פב, א.

# CLASSICAL CONCEPTS

that must be accomplished specifically by him. It is a matter that has been waiting for him to achieve, and through fulfilling his role, he will reach his ultimate potential. Just as in matters of physicality, every person has their exclusive lot, the same applies to spirituality. Every person has a specific spiritual allocation that must be accomplished by them alone. There are matters in Torah that must be discovered by them and there are certain Mitzvahs that must be completed by them. Every person's mission is unique. It may be, that when one sees that there is a matter at hand that is being neglected by others, it is because it is his mission to fix the issue.

3. In Seforim it is written "Pinchas, this is Eliyahu". The question is asked; Pinchas lived prior to Eliyahu, so it would seem more correct to write "Eliyahu, this is Pinchas"? The answer to this question can be found in the Zohar, where it is stated that Eliyahu did indeed exist before he came down into this world as a person. He was in this world as an angel, and therefore we say "Pinchas, this is Eliyahu", because the spark of Eliyahu was found within Pinchas.



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | וואָרט |
|---|---|
| Without noise | אן רעש |
| Without commotion | אן טומל |
| Of day to day life | פון טאג-טעגלעכן לעבן |
| Closes his ears | אוטם אזנו |
| (from hearing bad) | |
| Shuts his eyes | עוצם עיניו |
| (from seeing bad) | |
| Take the Torah to himself | נעמען תורה צו זיך |
| When one wants | אז מען וויל |
| It will be accomplished | וועט מען אויספירן |
| Of now | פון איצטער |
| Of making the world | אויף מאכן די וועלט |
| He was zealous | ער האט מקנא געווען |
| there is no house of study without a novelty | אי אפשר לבית המדרש בלא חידוש |
| We learn out | לערנט מען אפ |
| There exists | פאראן |
| It is the law, but we don't teach it | הלכה ואין מורין כן |
| Zealots may strike him | קנאין פוגעין בו |

| טייטש | וואָרט |
|---|---|
| Should have stated | געדארפט שטיין |
| According to this | לויט דעם |
| Even before | נאך גאר פריער |
| Was not | ניט געווען |
| A human child | ילוד אשה |
| Was born | געבארן געווארן |
| Father and mother | פאטער און מוטער |
| It is demanded | מען מאנט |
| Not to look at anyone | ניט קוקן אויף קיינעם |
| Take | נעמען |
| Prepared for him | האט אים מזמין געווען |
| He is given | גיט מען אים |
| It could be | עס קען געמאלט זיין |
| A spark | א ניצוץ |
| Our generation | אונזער דור |
| That this person could act | אז דער קאן טאן |
| That comes to their hand | וואס קומט צו זייער האנט |
| Doesn't mean | מיינט ניט |
| Going up to a roof | ארופגיין אויף א דאך |
| Throw himself off | אראפווארפן זיך |

זאָכן וואָס בשעת מען קומט צו בית דין פרעגן וואָס צו טאָן, וועלן זיי ענטפערן אויף ניט, ווײַלע אַזוי שטייט אין שלחן ערוך. פונדעסטוועגן איז אין דעם זעלבן שלחן ערוך שטייט אַז קנאים פוגעים בו, ד. ה. אַז בשעת ער קומט ניט צו בית דין נאָר ער טוט אַליין ווי ער איז מרגיש מצד פנימיות נפשו, האָט ער געטאָן ווי על פי דין איז (הלכה ואין מורין כן) און ער האָט מכוון געווען צו דעם רצון העליון.

אַזוי, אַלע מאָל, דאַרף מען יעדער זאַך פרעגן ביי בית דין. אָבער בשעת עס האַנדלט זיך וועגן קנאת ה' צבאות, איז דאָס על דרך ווי עס שטייט[17], אַז דער וואָס פרעגט אויף ענינים פון פקוח נפשות איז ער שופך דמים. דער ענין האָט אים געדאַרפט דערנעמען אויף אַזוי פיל אַז ער זאָל דאָס אַליין אָפּטאָן, ניט פרעגנדיק ביי בית דין. אַזוי איז אויך ווען עס איז קנאת ה', און דער ענין דערנעמט אים אין פנימיות נפשו, דאַן גייט ער ניט פרעגן ביי בית דין; דאַן דאַרף מען ניט וועלן גיין דוקא אויף אַן אייזערנער בריק, און גאָרנישט טאָן אַן בית דין — ווײַלע עס איז אַ שאָד יעדע מינוט, און נאָך מערער, אַפילו ווען מען ווייס אַז בית דין וועט פסק'נען אויף ניט, איז קנאים פוגעים בו, און דאָס איז ווי דער רצון העליון, ווײַלע קנאים פוגעים בו איז אַ דין אין שלחן ערוך.

די הסברה אין דעם איז:

אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות[18], וואָרום אַ איד מצד עצמו — איז ווי דער אַלטער רבי האָט געזאָגט: אַ איד ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אַ נפרד פון אלקות, נאָר מצד דעם רוח שטות, מצד דער בהמה וואָס אין אים, דער נפש הבהמית, מצד דעם קאָן ער טאָן מעשה בהמה. ובמילא בשעת ער ווערט נתעורר מיט אַ קנאות, ניט צוליב זיין כבוד און ניט צוליב כבוד בית אבא, נאָר קנא קנאתי להוי', און דער ענין דערנעמט אים אַזויפיל אַז ער טראַכט אַפילו ניט צי ער איז עובר אַן עבירה דערמיט צי ניט, ווײַלע ער איז אינגאַנצן דורכגענומען מיט די קנאות להוי', במילא האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אינגאַנצן אַן אַ זייט, איז בשעת דעם גוף ונפש הבהמית לייגט ער אַוועק אַן אַ זייט און עס בלייבט נאָר דער נפש האלקית וואָס איז שטענדיק באמנה אתו יתברך[19], וואָס מצד דעם קומט ביי אים די קנאות, איז דאָך ודאי אַז בשעת דער נפש הבהמית איז ניט מבלבל, וועט די נשמה מצד עצמה זיכער מכוון זיין צו דעם רצון העליון.

דערפאַר זעען מיר אַז דורך דעם וואָס פנחס האָט גע'הרג'ט זמרי'ן, איז ותעצר המגפה, ער האָט מציל געווען כמה אלפים מישראל פון אַן עון חמור ביותר, דער עון בעל פעור, וואָס עס שטייט אין מדרש[20] אַז דער עון פון בעל פעור איז שטענדיק

17) ירושלמי יומא פרק ח הלכה ה.

18) סוטה ג, א.

19) תניא פרק כד.

20) תוספות סוטה ענדע פרק א. פרקי דרבי אליעזר ענדע פרק מה. ועוד.

# CLASSICAL CONCEPTS

4. This serves as a powerful message to those who are skeptical about taking action where others have failed to do so. A person may wonder where he will gather the strength from, in order to commit himself. To this we tell him "Pinchas, this is Eliyahu". Just as Pinchas took action at a time when no one else would, and he was given the special powers of Eliyahu in the form of an angel, the same applies to every person who finds the courage to take action regardless of the fact that he is alone in his activities. He is given special powers in order to fulfill his mission, and perhaps even the powers of an angel.

5. All of the young people must realize that they cannot make calculations in order to exempt themselves from taking the initiative. They cannot say "well this person should have done something" or "that person should have done something". Every time they become aware of something that needs improvement, they must carry out the given task. They must commit themselves with complete self-sacrifice. Self-sacrifice does not mean one must climb up to a roof and throw himself off, rather it means that he must be completely devoted to the cause in a quiet, humble way. In a manner that permeates every aspect of his day. When one goes forth with the same Mesiras Nefesh that



# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Every minute is being wasted | א שאד יעדע מינוט | Such things | אזעלכע זאכן |
| He does not want | ניט ער וויל | One comes | מען קומט |
| He can not | ניט ער קען | Asking what to do | פרעגן וואס צו טאן |
| Becomes separated | זיין א נפרד | They will answer | וועלן זיי ענטפערן |
| That is in him | וואס אין אים | Because | ווייל |
| He is aroused | ער ווערט נתעורר | Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| Not for the purpose of | ניט צוליב | Same | זעלבן |
| He is not even thinking | ער טראכט אפילו ניט | He does not come | ער קומט ניט |
| Completely permeated | אינגאנצן דורכגענומען | He acts alone | ער טוט אליין |
| He completely put himself away | זיך אוועקגעלייגט אינגאנצן | How he feels | ווי ער איז מרגיש |
| On the side | אן א זייט | He was in tune | ער האט מכוון געווען |
| It only remains | עס בלייבט נאר | Every time | אלע מאל |
| Complete faith in Hashem | באמונה אתו יתברך | It is dealing with | עס האנדלט זיך |
| Does not disturb | איז ניט מבלבל | Needed to permeate him | געדארפט דערנעמען |
| Therefore | דערפאר | To such an extent | אויף אזוי פיל |
| We see | זעען מיר | Without asking | ניט פרעגנדיק |
| And the plague stopped | ותעצר המגפה | Then | דאן |
| | | Not want | ניט וועלן |
| | | An iron bridge (no risks involved) | אן אייזערנער בריק |

מקטרג און משה רבינו נעמט אַראָפּ דעם קטרוג, וואָס אויף קיין עון גע־פינט מען דאָס ניט, און פּנחס האָט מציל געווען די אידן פון דעם עון. דערפאַר האָט ער זוכה געווען אַז הנני נותן לו את בריתי שלום, דפנחס זה אלי' וואָס ער קומט אויף יעדער ברית מילה[21]) און ער וועט קומען מבשר זיין די גאולה.

ה. איצטער איז דאָך אויך אַ זמן פון אַ מגיפה, ר"ל. ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געזאָגט אַז דער אוי־בערשטער האָט אָנגעצונדן די גלות־ווענט[22]), וואָס דאָס איז אַן ענין וואָס מען דאַרף ניט האָבן אויף דעם קיין ראיות און הסברות, נאָר מען זעט דאָס במוחש. מען זעט במוחש ווי כמה וכמה מישראל אין חוץ לארץ און אין ארץ הקדושה ת"ו ווערן פאַר־לאָרן פון אידישקייט, זיי גייען אויף אַ קרומען וועג וואָס דאָס פירט זיי אַז זיי זאָלן ווערן חס ושלום מנגדים על הוי' ועל תורתו, איז אין אַזאַ צייט, אַ צייט פון אַ שריפה, אַ צייט וואָס אַ אידישער אינגעלע אָדער אַ אידישע מיידעלע קאָנען ווערן חס ושלום פאַרלאָרן פון אידישקייט, אין אַזאַ צייט דאַרף מען ניט גיין צו בית דין און נאָכקוקן אין ספרים צי ער מעג מבטל זיין אַ שעה לער־נען צוליב דעם צי ניט, און נאָך אַזעלכע שאלות, וואָרום עס איז אַ סכנה יעדער מינוט אָפּצולייגן, — מען דאַרף טאָן.

אין אַזאַ צייט דאַרף יעדער איד אָנצינדן די קנאות שבנפשו, וואָס דאָס קאָן מען דורך פנימיות התורה, און אַרויסגיין פון די אייגענע ד' אמות און גיין צו אידן און ריידן מיט זיי בדרכי נועם און מיט רגש־דיקע ווערטער — מען דאַרף ניט אויס'טענה'ן זיך מיט זיי מיט שכל־דיקע ויכוחים, וואָרום בשעת אַ שרי־פה איז ניטאָ די צייט אויף דעם, און בכלל — ווען עס האַנדלט זיך וועגן פקוח נפשות נעמט מען ניט יענעם מיט שכל. מען דאַרף ריידן מיט רגש — נשמה־ווערטער — וואָס דערמיט וועט מען אָנצינדן דעם פייער וואָס ביי זיי, רשפי' רשפי אש שלהבת י־ה[23]), און עס וועט זיין ותעצר המגפה.

און דאַן איז מען זוכה אַז פּנחס זה אלי', וואָס ער וועט קומען לפני יום הגדול והנורא, והשיב לב אָבות על בנים וגו'[24]), און ער וועט מבשר זיין די גאולה על ידי משיח צדקנו במהרה בימינו.

(משיחת י"ב תמוז, תשי"ג)

ו. איינער פון די חדושי ענינים אין פ' פּנחס, איז דער סדר הנחלה.

דער ענין הקרבנות, אַזוי אויך דער ענין פון ציילן די אידן, איז פאַ־ראַן אויך אין אַנדערע פרשיות ובאַ־רוכה, אָבער דער סדר הנחלה בכלל און סדר נחלת ארץ ישראל בפרט, איז מבואר אין פרשת פּנחס.

דער סדר הנחלה פון ארץ ישראל איז געווען על פּי גורל, אַך בגורל יחלק את הארץ. אין גמרא און מד־

21) פרקי דרבי אליעזר פרק כט. אבודרהם הלכות ברית מילה.
22) היום יום עמוד 12.
23) שיר השירים ח, ו.
24) מלאכי ג כג-כד.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | וואָרט | טייטש | וואָרט |
|---|---|---|---|
| A crooked path | א קרומען וועג | Constantly persecuting | שטענדיק מקטרג |
| People who oppose | מנגדים | Takes down | נעמט אראפ |
| Look | נאכקוקן | We don't find this | געפינט מען דאס ניט |
| To put it off | אפצולייגן | Announce | מבשר זיין |
| Ignite | אנצינדן | Now | איצטער |
| Own | אייגענע | Has kindled | האט אנגעצונדן |
| Speak with them | ריידן מיט זיי | The Golus walls | די גלות ווענט |
| Argue with them | אויס׳טענה׳ן מיט זיי | No proofs | קיין ראיות |
| Arguments | ויכוחים | Clearly | במוחש |
| The fire | דעם פייער | Become lost | ווערן פארלארן |

Pinchas had, he brings about the coming of Eliyau, who will announce the arrival of the final redemption.

6. Every single thing that is mentioned in the Torah contains some new lesson or teaching. This includes the story of how Pinchas killed Zimri. We learn two laws from the story. The first one is law of הלכה ואין מורין כן - Recognizing that there is a law, but we do not teach it (the law about killing a man who lives together with a non-Jewish woman is not told to people who come and ask, but someone who knows it may act upon it) . The second one is קנאין פוגעין בו - a zealot may strike him (as was the case by Pinchas).

7.We see from these two laws that there may be times that if one would ask Beis Din whether he is obligated to take action in a certain situation, they will answer no because Shulchan Aruch requires them to say so. Nevertheless, the very same Shulchan Aruch says that a zealot, one who is bothered deeply by what is happening, can and should take action.

8. Generally, a person must ask Beis Din before he does anything. But at a time when there is a situation of being zealous for Hashem and defending his honor, such steps need not be taken. Furthermore, if one were to ask Beis Din in such a circumstance, it can be compared to one who asked regarding a matter of life and death, which surely has no place. The matter at hand should have affected him so deeply and to such an extent that he cannot withhold from taking action. It is not a time when he must ensure that every step he takes is secure; rather he must act and do what he can. Every minute that he waits is wasted. Furthermore, even if Beis Din were to say that he is not obligated or not allowed to take action, Shulchan Aruch writes that "A zealot may take action".



9. Every Jew, by nature cannot be separated from G-dliness, & has no desire to be. The only reason a Jew may come to commit a sin is due to the animal soul within him. This means, that when a ones's personal interests are set aside, he will have only G-dly intentions, & will be able to trust that his impulses are directed toward holy

מקטרג און משה רבינו נעמט אַראָפּ דעם קטרוג, וואָס אויף קיין עון גע־פינט מען דאָס ניט, און פּנחס האָט מציל געווען די אידן פון דעם עון. דערפאַר האָט ער זוכה געווען אַז הנני נותן לו את בריתי שלום, דפּנחס זה אלי', וואָס ער קומט אויף יעדער ברית מילה[21]) און ער וועט קומען מבשר זיין די גאולה.

ה. איצטער איז דאָך אויך אַ זמן פון אַ מגיפה, ר"ל. ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געזאָגט אַז דער אוי־בערשטער האָט אָנגעצונדן די גלות־ווענט[22]), וואָס דאָס איז אַן ענין וואָס מען דאַרף ניט האָבן אויף דעם קיין ראיות און הסברות, נאָר מען זעט דאָס במוחש. מען זעט במוחש ווי כמה וכמה מישראל אין חוץ לארץ און אין ארץ הקדושה ת"ו ווערן פאַר־לאָרן פון אידישקייט, זיי גייען אויף אַ קרומען וועג וואָס דאָס פירט זיי אַז זיי זאָלן ווערן חס ושלום מנגדים על הוי' ועל תורתו, איז אין אַזאַ צייט, אַ צייט פון אַ שריפה, אַ צייט וואָס אַ אידישער אינגעלע אָדער אַ אידישע מיידעלע קאָנען ווערן חס ושלום פאַרלאָרן פון אידישקייט, אין אַזאַ צייט דאַרף מען ניט גיין צו בית דין און נאָכקוקן אין ספרים צי ער מעג מבטל זיין אַ שעה לער־נען צוליב דעם צי ניט, און נאָך אַזעלכע שאלות, וואָרום עס איז אַ סכנה יעדער מינוט אַפּצולייגן, — מען דאַרף טאָן.

אין אַזאַ צייט דאַרף יעדער איד אָנצינדן די קנאות שבנפשו, וואָס דאָס קאָן מען דורך פּנימיות התורה, און אַרויסגיין פון די אייגענע ד' אמות און גיין צו אידן און ריידן מיט זיי בדרכי נועם און מיט רגש־דיקע ווערטער — מען דאַרף ניט אויס'טענה'ן זיך מיט זיי מיט שכל־דיקע ויכוחים, וואָרום בשעת אַ שרי־פה איז ניטאָ די צייט אויף דעם, און בכלל — ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּקוח נפשות נעמט מען ניט יענעם מיט שכל. מען דאַרף ריידן מיט רגש — נשמה־ווערטער — וואָס דערמיט וועט מען אָנצינדן דעם פייער וואָס ביי זיי, רשפּי' רשפּי אש שלהבת י־ה[23]), און עס וועט זיין ותעצר המגפה.

און דאַן איז מען זוכה אַז פּנחס זה אלי', וואָס ער וועט קומען לפני יום הגדול והנורא, והשיב לב אָבות על בנים וגו'[24]), און ער וועט מבשר זיין די גאולה על ידי משיח צדקנו במהרה בימינו.

(משיחת י"ב תמוז, תשי"ג)

ו. איינער פון די חדושי ענינים אין פּ' פּנחס, איז דער סדר הנחלה. דער ענין הקרבנות, אַזוי אויך דער ענין פון ציילן די אידן, איז פאַ־ראַן אויך אין אַנדערע פּרשיות ובאו־רוכה, אָבער דער סדר הנחלה בכלל און סדר נחלת ארץ ישראל בפרט, איז מבואר אין פּרשת פּנחס.

דער סדר הנחלה פון ארץ ישראל איז געווען על פּי גורל, אַך בגורל יחלק את הארץ. אין גמרא און מד־

21) פרקי דרבי אליעזר פרק כט. אבודרהם הלכות ברית מילה.
22) היום יום עמוד 12.
23) שיר השירים ח, ו.
24) מלאכי ג כג-כד.

# טייטש'ן
# TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| איצטער איז דאך | Now is |
| אויך | also |
| א זמן פון א מגיפה, | a time of a plague, |
| ר"ל. | G-d should save us. |
| ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט | Like the Previous Rebbe has said |
| אז דער אויבערשטער | That Hashem |
| האט אנגעצונדן | has kindled |
| די גלות ווענט, | the walls of Golus. |
| וואס דאס איז אן ענין | Which this is something |
| וואס מען דארף ניט האבן | that we don't need to have |
| אויף דעם קיין ראיות | any proofs on it |
| און הסברות, | and explanations, |
| נאר מען זעט דאס | rather we see this |
| במוחש. | clearly. |
| מען זעט במוחש | We see clearly |

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| ווי | how |
| כמה וכמה מישראל | many Jewish people |
| אין חוץ לארץ | in the diaspora |
| און אין ארץ הקדושה | and in the holy land, |
| ת"ו | may it be rebuilt, |
| ווערן פארלארן | become lost |
| פון אידישקייט, | from Judaism. |
| זיי גייען | They go |
| אויף א קרומען וועג | on a crooked path |
| וואס דאס פירט זיי | and this leads them |
| אז זיי זאלן ווערן | that they should become, |
| חס ושלום | Heaven forbid, |
| מנגדים על הוי' | people who oppose Hashem |
| ועל תורתו, | and his Torah. |
| איז אין אזא צייט | In such a time, |
| א צייט פון א שריפה, | a time of a fire, |
| א צייט | a time |
| וואס א אידישער איינגעלע | that Jewish boy |

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| אדער | or |
| א אידישע מיידעלע | a Jewish girl |
| קאנען ווערן | can become, |
| חס ושלום | Heaven forbid, |
| פארלארן פון אידישקייט, | lost from Judaism, |
| אין אזא צייט | in such a time |
| דארף מען ניט גיין | one need not go |
| צו בית דין | to Beis Din |
| און נאכקוקן אין ספרים | and research in Seforim |
| צי ער מעג | whether he is allowed |
| מבטל זיין א שעה לערנען | to "waste" an hour of learning |
| צוליב דעם | for this purpose |
| צי ניט, | or not |
| און נאך אזעלכע שאלות | and other such questions. |
| ווארום | Because |
| עס איז א סכנה | it is a danger |
| יעדער מינוט אפצולייגן, | every minute it is pushed off. |
| מען דארף טאן. | One must act!! |



# R KNOWLEDGE!

4. **WHAT** lesson is learned from these Halachos?

______________________________________________________

______________________________________________________

______________________________________________________

5. **WHEN** can one trust his impulse?

______________________________________________________

______________________________________________________

______________________________________________________

6. **WHAT** does the Rebbe say is unique about the time we live in?

______________________________________________________

______________________________________________________

______________________________________________________

11. Similarly, we find ourselves now in the time of a plague. As the Frierdiker Rebbe put it, “The walls of Golus are burning”. We see clearly how many Jews are lost from the ways of Yiddeshkeit and are on a path that will lead them to a life that conflicts with Torah. During a time of such danger, one cannot afford to deliberate whether or not he is permitted to act. The matter should concern him so deeply, that he has no choice but to do all he can to save Jewish souls. He should not make calculations whether he is permitted to spend part of his study-time in order to help another Jewish child find his way to Torah. The danger increases every minute and therefore he must act with haste regarding this urgent matter.

12. Every Jew must ignite the zealousness within himself, through learning Chassidus, and go out of his own comfort zone in order to assist others. He must speak with other Jews with fervent and heartfelt words through which he will ignite the fire of their Neshomo. (When there are souls at risk it is not a time for calculated theological arguments, rather he must use passion and soul in order to reach them.) Through this, we will merit to the coming of “Pinchas, this is Eliyahu”, who will announce the coming of Moshiach, may it be speedily in our days.

# SHOW OFF YOU

1. **WHAT** do we learn from the fact that none of the elders took any action against Zimri?

2. **HOW** come it says “Pinchas, this is Eliyahu” if Pinchas was before Eliyahu?

3. **WHAT** two Halachos are learned from the story of Pinchas?

## CLASSICAL CONCEPTS

places. So long as his body and animal soul are made insignificant, he can be rest assured that his intentions will be pure.

10. At the time that Pinchas killed Zimri, the Jewish people were caught up in a terrible sin; serving the Avodah Zoroh of Baal Pe’or. The Medrash tells us that the sin was so grave that until this day the Jewish people are prosecuted because of it, and Moshe Rabeinu must constantly defend them and remove the prosecution. Due to the sin, Hashem sent a plague that claimed the lives of tens of thousands of Jews. It was only in the merit of Pinchas and his brave act, that the plague stopped. Similarly, he merited to be the one who received Hashem’s “covenant of peace” and attends every Bris Milah (as we mentioned that Pinchas is Eliyahu). He will also be the one who will come and announce the future redemption. We can see clearly from all of this the great power that is found within an action of true Mesiras Nefesh.



# NOTES:

# NOTES:

In honor of

The 5th Yohrtzeit of

**Moritz (Moshe ben Menachem)**

**Bucker** A"H

BACK 2 BASICS

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY [illegible] & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON

TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT B2BSICHOS@GMAIL.COM